NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03564

DER KUNTSEN-MAKHER

Isaac Leib Peretz

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

120

י. ל. פּרץ.

דער קונצען-מאכער.

בעארבייט פאר קינדער דורכ'ן אויטאר.

110

פערלאג
„פאר אונזערע קינדער".
קישינעוו — אדעס.
1912.

№ 1.





יִצְחָק־לֵיבּוּש פֶּרֶץ איז געבּוירען געוואָרען אין יאָהר 1851 אין דער פּוילישער שטאָדט זאַמאָשץ.

פֶּרֶץ׳ס עלטערן זענען געווען פרומע אידען און האָבּען זייער קליינעם זוהן אָבּגעגעבּען אין אַ חֶדֶר. אַ דאַנק זיינע גרויסע פעהיגקייטען האָט דער יונגער פֶּרֶץ גרינדליך ערלערנט גְּמָרָא און אַנדערע אידישע לִמוּדִים.

נאָכ׳ן אַרויסגעהן פונ׳ם חֶדֶר, האָט פֶּרֶץ ניט אויפגעהערט צו לערנען און האָט געהאַט אַ גרויסע פְּעוּלָה אין וועלטליכע קענטעניסען און האָט אין דער צייט אויך אַ סַך ביכער געלייענט.

צו יענער צייט האָט פֶּרֶץ אַליין אויך אָנגעהויבּען שרייבּען, און אין יאָהר 1876 האָט זיך אָבּגעדרוקט זיין ערשטע ליעד אויף העבּרעאיש, און אין יאָהר 1888 איז פֶּרֶץ אַרויסגעטראָטען אין דער אידישער ליטעראַטור מיט זיין בּעריהמטער פּאָעמע „מאָניש״.

שוין אין די ערשטע ווערק האָט זיך פֶּרֶץ אַרויסגעוויזען אַלס גרויסער שרייבּער, און דערפאַר, וואָס ער האָט אָנגעהויבּען שרייבּען אויף אַ נייעם שטייגער און האָט אַוועקגעלעגט דעם גרונד־שטיין פון דער נייער אידישער ליטעראַטור, ווערט ער מיט רעכט גערעכענט פאַר דעם טאַטען פון דער אידישער ליטעראַטור.

די ווערק פון י. ל. פֶּרֶץ זענען שטאַרק אָנגענומען ניט נאָר ביי אידען אַליין. זיי ווערען איבּערגעזעצט אין רוסיש, פּויליש, דייטש, ענגליש און אַנדערע שפּראַכען.

י. ל. פֶּרֶץ וואָהנט שטענדיג אין וואַרשוי.



דער קונצען־מאַכער.

אין א וואָהלינער שטעדטעל אריין איז אמאָל געקומען א קונצען־מאכער.

און האָטש עס איז געווען אין דער פער׳דאָגה׳טער פאר־פסח־צייט, ווען א איד האָט מעהר זאָ־ג, ווי האָהר אויפ׳ן קאָפּ, האָט דאָך זיין אָנקומען אָנגעמאכט אַ גרויסען רעש; עפּים אַ רעטעניש פון אַ מענש! אָבגעריסען, אָבגעשליסען און — אויפ׳ן קאָפּ א צילינדער, אָמת, איין אָבגעטראָגענער, א צוקנייטשטער, אָבער אזא הויכער! איין אָמת אידיש פּנים, מאָגער, בלייך, אַ נאָז פון נאָזען־לאַנד! און אַ געגאָלטע באָרד! און קיין פּאספּאָרט האָט ער נישט, און עסען האט איהם קיינער נישט געזעהן, נישט קיין כּשר׳ס, נישט קיין טרפה׳ס. געה ווייס, וואָס ער איז, מען פרעגט איהם: פון וואנען? זאָגט ער „פון פּאריז״; וואוהין? — „קיין לאָנדאָן״! ווי קומט איהר אהער? ענטפערט ער: „פערבלאָנדזעט!״ אַ פּנים, צו־פוס געגאנגען! און ווייזט זיך ביי קיין מנין נישט, אפילו שבת־הגדול נישט! און שטעהט מע: צו איהם צו, מאכט מען ארום איהם

אַ רעדעל, ווערט ער פּלוצים נֶעלָם, גלייך די ערד וואָלט איהם איינגעשלונגען,—און שווימט אַרוים אויף יענער זייט מאַרק.

דערווייל האָט ער זיך געדונגען אַ סאַלאָן און אָנגעהויבען צו מאַכען קונצען.

אָבער קונצען! פאַר'ן גאַנצען עולם האָט ער געשלונגען ברענענדיגע קוילען, ווי פאַרפֶעל; און פון מויל אַרויסגעצויגען האָט ער אַלערליי בענדער: רויטע, גרינע, וואָס פאַר אַ קאָליער מען האָט נאָר געוואָלט, און לאַנגע, ווי דאָס גָלות. פון אַ חאָליוָוע פון שטיוועל וואַרפט ער אַרויס זעכצעהן פּאָר אינדיקעס, אָבער אינדיקעס—ווי די בערען! און לעבעדיגע, און זיי צולויפען זיך איבער דער סצענע! דערנאָך הויבט ער אויף אַ פוס און קראַצט אָב פון דער פּאָדעשווע גאָלדענע רענדלעך; אַ גאַנצע שיסעל גאָלדענע רענדלעך! פּאַטשט מען „בראַוואָ", גיט ער אַ פייף, צופליהען זיך אונטער'ן סופיט חלות און קוילעטשען, און מישען זיך, און לויפען זיך צוזאַמען, און הויבען אָן טאַנצען אַ ראָד צו אַ ברוגז-טאַנץ אונטער דער סטעליע! און גיט ער אַ צווייטען פייף, — ווערט דאָס אַלץ פערשוואונדען אין איין אויגענבליק, גלייך נאָר נישט געווען! אוים קוילעטשען, אוים בענדער, אוים אינדיקעס—גאָרניט!

מילא, וועיכט מען דאָך, אַז מיט כּישוף קען מען

אויך עפּעס בעוויזען! די כּשוף־מאַכער פון מִצְרַיִם האָבען מִן הַסְתָּם גרעסערע קונצען בעוויזען; איז עס אַ שוואַרצע קונץ. איז אָבער די פראַגע: פאַר וואָס איז ער אַזאַ גרויסער קַבְּצָן? אַ מענש שאַרט רענדלעך פון פאָדעשווע, און האָט נישט מיט וואָס צו בעצאָהלען פאַר דער אַכְסַנְיָה; מיט אַ פייף באַקט ער אָן מעהר קוילעטשען און חַלוֹת, ווי דער גרעסטער בעקער; אינדיקעס ציהט ער אַרויס פון חאָליווע,—און אַ פָּנִים האָט ער—אַנ'אויסגעצויגענם, אַז שענערע לעגט מען אין דער ערד אַריין. און דער הונגער ברענט איהם אין די אויגען, ווי אַ פלאַקער! ווערטעלט מען זיך: די פינפטע קַשְׁיָא צו „מַה נִשְׁתַּנָּה"!...

צו „מַה נִשְׁתַּנָּה" איז אָבער נאָך ווייט. מיר וועלען דערווייל איבערלאָזען דעם קונצען־מאַכער און איבערגעהן צו חַיִּים־יוֹנָה'ן און זיין ווייב רִבְקָה־ביילע.

חַיִּים־יוֹנָה איז אַמאָל אַ וואַלד־סוֹחֵר געווען, האָט ער איינמאָל געקויפט אַ וואַלד אין גלייכען געלד, האָט מען דעם וואַלד פערמאַכט, איז ער אַרויס אין איין העמד. איז ער געוואָרען אַ שרייבער ביים סוֹחֵר אין וואַלד, האָט ער די שטעל פערלוירען; זיצט ער שוין אַ שענע פאָר חֳדָשִׁים אָהן פַּרְנָסָה. אַ ווינטער האָט מען איבערגעלעבט — אויף שׂוֹנְאֵי־צִיּוֹן געזאָגט. נו, אַ איד, ווי ער לעבט—לעבט ער. נאָך ווינטער אָבער געהט פֶּסַח,—וואו

נעהמט מען געלד אויף פֶּסַח? און פערזעצט ביים מַלְוֶה איז שוין פון הענג־לייכטער ביז'ן לעצטען קישען. זאָגט רִבְקָה־ביילע: נעה אריבער צו קָהָל און נעהם מָעוֹת־חִטִין. זאָגט חַיִים־יוֹנָה, אז ער האָט בִטָחוֹן, אז גאָט וועט העלפען, און דאָס פָּנִים פערשוואַרצען וועט ער זיך נישט.

גערט רִבְקָה־ביילע און זוכט נאָך אַמאָל אין אַלע ווינקעלעך און געפינט אַנ'אַלטען אָבגעריבענעם זילבער־נעם לעפעל — ווירקליך, אַ נֵס פון זיין ליעבען נאָמען! שוין יאָהרען זייט דער לעפעל איז פערפאַלען געוואָרען! אַ פרייד!

וואָס טהוט חַיִים־יוֹנָה? געהט ער, פערקויפט איהם, און טראָגט אַריין די פּאָר גראָשען צום רָב אויף מָעוֹת־חִטִין פאַר אָרימע לייט. אָרימע לייט — זאָגט ער — זענען בילבער.

די צייט דערווייל רוקט זיך. שוין אינגאַנצען נישט מעהר ווי אַ פּאָר וואָכען צו פֶּסַח, — ער האָט בִטָחוֹן! גאָט, זאָגט ער, פערלאָזט נישט! מֵילָא, רִבְקָה־ביילע שווייגט; איין אִשָה מוז פָאלגען אַ מאַן. עס געהט אָבער אַוועק נאָך אַ טאָג, נאָך אַ טאָג, רִבְקָה־ביילע ווייסט נישט פון קיין שלאָף, גראָבט דאָס פנים אין סיעניק אריין און וויינט שטילערהייד, חַיִים־יוֹנָה זאָל נישט הערען... און אויף פֶּסַח איז קיין צייכען נישט דָא. און טעג האָט

זי ערגעריע ווי נעכטן — ביינאַכט וויינט זיך אַ מענש חאָטש אָב דאָס האַרץ, בייטאָג אָבער מוז מען קניפּען די באַקען, די פאַרב זאָל שטעהן!

שְׁכֵנוֹת קוקען איהר נאָך און גאַפען, און קוקען זיך די אויגען אוים, און שטעכען זי מיט רַחֲמָנוּת-בליקען, ווי מיט נאָדלען... אַנדערע פרעגען: „ווען באַקט איהר מַצוֹת? ווי האַלט איהר מיט בוראַקעס?" די נעהענטערע זאָגען:

— ס'טייטש, וואָס טהוט זיך מיט אייך, רִבְקָה-ביילע?! פעהלט אייך, וועלען מיר אייך באָרגען, וכדוֹמֶה...

חַיִּים-יוֹנָה וויל אָבער נישט אָנקומען צו קיין מענשען, און רִבְקָה-ביילע וועט קענען איהר מאַן נישט געהן— זוכט זי זיך אוים תֵּרוּצִים פון אונטער דער ערד, און דאָס פָּנִים פלאַמט און פלאַמט...

זעהען די שְׁכֵנִים, אַז עס איז נישט, ווי עס דאַרף צו זיין, נעהמען זיי און לויפען צום רָב — ס'טייטש?

דער רָב, נעביך, הערט אויס, קרעכצט אָב און פערקלעהרט זיך, און סוף-כָּל-סוף ענטפערט ער, אַז חַיִּים-יוֹנָה איז אַ וואָהל-לערנער און אַ גאָטספאָרכטיגער, און אויב ער האָט בְּטָחוֹן, האָט ער!...

רִבְקָה-ביילע איז אֲפִילוּ אָהן בענש-ליכט געבליבען...

און — שוין פֶּסַח!

חַיִים־יוֹנָה געהט פון בֵּית־הַמִדְרָשׁ אַהַיְם, זעהט ער, אַז אַלע פענסטער אין מאַרק שַיְנען אַרוֹים מיט שִׂמְחַת־יום־טוב, און נאָר זַיְן דִירָה שטעהט, ווי אַן אָבֵל צווישען מְחוּתָּנִים, ווי אַ בּלינדער צווישען זעהענדיגע. ער פאַלט אָבּער בַּיְ זיך נישט אַראָבּ: „אַז גאָט וועט ווֶעלען, וועט נאָך זַיְן פֶּסַח!“—טראַכט ער.

ער געהט אַרַיְין און זאָגט פרעהליך: „גוט יום־טוב“, און נאָך אַמאָל: „גוט יום־טוב דיר, רִבְקָה־בַּיְלע!‘ און רִבְקָה־בַּיְלע׳ס קול ענטפערט איהם, אָנגעזאַפּט מיט טרעהרען, פון אַ פינסטער ווינקעל אַרוים:

„גוט יום־טוב, גוט יאָהר“!

און איהרע אויגען ברענען אַרוים פון פינסטערען ווינקעלע, ווי צוויי ברענענדיגע קוילען.

געהט ער צו איהר צו און זאָגט איהר:

— רִבְקָה־בַּיְלע — זאָגט ער — הַיְנט איז יום־טוב, יציאַת־מִצְרַיִם, פערשטעהסט? טרויערען טאָר מען נישט! אויבּ דער רִבּוֹנוֹ־שֶׁל־עוֹלָם האָט נישט געוואָלט, מיר זאָלען האָבּען אונזער פֶּסַח, מוז מען אָננעהמען פאַר ליעבּ און זַיְן בַּיְ אַ פרעמדען סֵדֶר. וועלען מיר געהן ערגעץ־אַנדערש צום סֵדֶר! מען וועט אונז אַרַיְנלאָזען אומעטום... טהיר און טויער שטעהען אָפען... אידען זאָגען: „כָּל דִכְפִין יֵיתֵי וְיֵיכוֹל“, דאָס איז טַיְטש: ווער עס

איז הונגעריג, זאָל אַריינקומען עסען. קום, נעהם אויף דיר די שאַל, וועלען מיר נעהן צום ערשטען בעסטען איד...

און רִבְקָה-ביילע, וואָס טהוט שטענדיג דעם ווילען פון איהר מאַן, האַלט איין מיט אַלע כּחות דאָס געוויין, וואָס רייסט זיך צום האַלז, נעהמט אויף זיך אַ צוריסענע שאל און וויל שוין געהן,—אין דער זעלבער רֶגַע עפענט זיך אָבער די טהיר, און עמיץ קומט אַריין און זאָגט:

— גוט יום-טוב!

ענטפערען זיי: גוט יאָהר, נישט זעהענדיג, ווער עס איז צו זיי אַריינגעקומען.

זאָגט דער, וואָס איז אַריינגעקומען:

— איך וויל זיין אייער גאַסט צום סֵדֶר!

ענטפערט חַיִים-יוֹנָה:

— מיר האָבען אַליין קיין סֵדֶר נישט...

ענטפערט יענער, אַז ער האָט מיטגעבּרענגט דעם סֵדֶר מיט זיך!

— אין דער פינסטער? — האַלט זיך שוין רִבְקָה-ביילע נישט איין און שלוכצט.

— חָלִילָה! — ענטפערט דער אוֹרֵחַ — עס וועט זיין ליכט.

און ער גיט אַ מאַך: האָקוס-פּאָקוס! און עס בּעוויזען זיך צוויי פּאָר זילבּערנע לייכטער מיט אָנגעצונדענע

סם-עאַרין-ליכט, אין מיטען שטוב, אין דער לופט! עס ווערט ליכטיג! חַיִים-יוֹנָה און רִבְקָה-ביילע דערזעהען, אַז דאָס איז דער קונצען-מאַכער, און זיי גאַפען און קאָנען פאַר וואונדער און שרעק קיין איינציג וואָרט פון מויל נישט אַרויסברענגען. זיי חאַפּען זיך איינס דאָס צווייטע אָן ביי די הענד אָ'ן שטעהען מיט אויפגעריסענע אויגען און אָפענע מיילער.

דער קונצען-מאַכער ווענדעט זיך דערווייל צום טיש, וואָס איז געשטאַנען פערשעממט אין אַ ווינקעלע, און זאָגט צו איהם:

— נו, בָּחוּר'ל, בעדעק דיך און קום אַהער!

און אַזוי ווי ער זאָגט דאָס אַרויס, פאַלט פון דער סטעליע אויפ'ן טיש אַראָב אַ שניי-ווייס טישטוך און בעדעקט איהם, און דער בעדעקטער טיש הייבט זיך אָן ריהרען, און געהט, און קומט אין שטוב אַריין, און פערהאַלט זיך פונקט אונטער די ליכט, און די זילבערנע לייכטער לאָזען זיך נידעריגער אַראָב און שטעלען זיך אַנידער אויפ'ן טיש.

— אַצינד—זאָגט דער קונצען-מאַכער—פעהלען נאָר הַמ'בעטען,—זאָלען זיין הַמ'בעטען!

נעהען דריי בענקלעך, פון דריי עקען פון שטוב, און נעהען צו צום טיש און שטעלען זיך אויף זייגע דריי זייטען.

היינט ער, דער קונצען־מאַכער, זיי זאָלען ברייטער ווערען, ציהען זיי זיך אויס אין דער ברייט, און עס ווערט פון זיי פּאַטער־שטוהלען. רופט ער אויס:

— ווייכער!

בעדעקען זיי זיך מיט רויטען סאַמעט, און אין דער זעלבער מינוט פאַלען אויף זיי פון סטעליע אַראָב ווייסע, שניי־ווייסע קישענס און צולעגען זיך, אויפ'ן קונצען־מאַכער'ס געבאָט, איבער די פּאַטער־שטוהלען און — עס ווערען הסב'בעטען! אויף זיין געבאָט בעווייזט זיך אויך אַ קערה מיט מינים און שטעלט זיך אויפ'ן טיש. עס בע־ווייזען זיך אויך רויטע כוסות מיט פלעשער וויין, און מצות, און אַלץ, וואָס מען דאַרף צו אַ כּשר'ן און פרעה־ליכען סדר, אפילו „הגדות" מיט אַ גאָלדענעם שניט.

— און וואַכער צו וואשען האָט איהר? — פרעגט דער קונצען־מאַכער — איך קאָן ברענגען וואַסער אויך!

דעמאָלט האָבען זיי זיך ערשט אויפגעחאַפּט פון גאַפען.

און רבקה־ביילע פרעגט חיים־יונה'ן אויפ'ן אויער:

— מעג מען? וואָס?

און חיים־יונה ווייסט איהר נישט, וואָס צו ענטפערען. ראַט זי איהם:

— נעה, מיין מאַן, און פרעג דעם רב.

ענטפֿערט ער, אַז ער קאָן די מיט'ן קונצען־מאַכער אַליין נישט איבערלאָזען. וויל ער, זי זאָל געהן. זאָגט זי, אַז אַ נאַרישע אידע־ע וועט דער רב נישט גלויבען. ער וועט מיינען, אַז זי איז פֿון זינען אַראָב. געהען זיי ביידע צום רב און לאָזען איבער דעם קונצען־מאַכער מיט'ן סדר.

האָט דער רב געזאָגט, אַז דאָס, וואָס ווערט געמאַכט מיט כּשוף, האָט קיין ממשות נישט, וואָרום כּשוף איז נאָר אַ פֿערבלענדעניש פֿאַר די אויגען. הייסט ער זיי אַהיים געהן, און אויב די מצה וועט זיך לאָזען אָבברעכען, דער וויין—גיסען אין די כּוסות אַריין, און די קישענס פֿון הס'בעט—אָנטאַפּען, וּכדומה, איז גוט... איז עס אַ גאָטס־זאַך, מעגען זיי געניסען.

אַזוי האָט דער רב גע'פּסק'ענט.

געהען זיי מיט האַרץ־קלאַפּעניש אַהיים. קומען זיי אַריין, איז דער קונצען־מאַכער שוין נישטאָ, און דער „סדר" שטעהט, ווי ער איז געשטאַנען. די קישענס לאָזען זיך אָנריהרען, דער וויין גיסט זיך, די מצות ברעכען זיך...

האָבען זיי ערשט פֿערשטאַנען, אַז דאָס איז געוועזען אליהו הנביא, און האָבען געהאַט אַ פֿרעהליכען יום־טוב!